


A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת בהעלתך, ט"ז סיון תשס"ז
גליון 3, מספר 28

# פרשת בהעלתך




## קומה ה' ויפוצו אויביך

אין היינטיקער פרשה ווערט דערציילט וועגן די נסיעות פון אידן אין מדבר, און דער פסוק זאגט: **וארון ברית ה' נוסע לפניהם** - דער ארון איז געפארן פאר די אידן, און אידן זיינען אים נאכגעגאנגען.

און דעמאלט, אפילו ווען מ'איז געגאנגען אין א מדבר, אין א וויסטעניש, האט מען ניט געדארפט מלחמה האבן, ווארום **"ויהי בנסוע הארון ויאמר משה: קומה ה' ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך מפניך"**:

ווען דער "ארון" איז געפארן האט משה רבינו אויסגערופען, אז דער אויבערשטער שטעלט זיך אוועק פאר אידן אין אן אופן אז זיי דארפן ניט מלחמה האבן, ווייל נאך איידער זיי קומען צוגיין ערגעץ-וואו, איז "ויפוצו אויביך" - עס ווערן צעשפרייט די אלע וואס זיינען ניט קיין ליב-האבער פון דעם אויבערשטן ("אויביך") - וואס דאס דריקט זיך אויס אין זייער ניט ליב-האבן אידן, ווי חז"ל זאגן אז **"כל מי ששונא את ישראל כמו ששונא את המקום"** - (דער וואס האט פיינט אידן איז ווי ער האט פיינט דעם אויבערשטן) און "וינוסו משנאיך מפניך" - דיינע פיינט אנטלויפן פון דעם ארון מיט די לוחות.

דערפון האט מען א הוראה אויף אלע דורות און אלע ערטער:

בשעת מ'גייט מיט'ן "ארון ה'", מיט'ן אויבערשטנ'ס תורה אין פארויס - קען מען גיין רואיק אין "דרך ה'", אין דעם וועג וואס דער אויבערשטער ווייזט אן.

ווארום די אלע זאכן וועלכע שטערן דעם אידן, זיי האבן אים ניט ליב, פאלן זיך פאנאנדער און אנטלויפן,

ובמילא קען ער גיין זיכערהייט, רואיקערהייט און פריילעכערהייט אין דעם וועג ווי א איד דארף זיך אויפפירן, ביז ער קומט צוגיין אין ארץ ישראל, אין דער אמת'ער גאולה.

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער - שיחת כ' אייר תש"מ)*

טייערע קינדער שלוחים,

טראכט אריין וועגן דעם לעצטן מאל ווען איר האט עפעס געבעטן הילף פון אייער מאמע אדער טאטע. זיי האבן מסתמא באוויזן דיר ווי אזוי דאס צו טאן אליין. דאס איז א הוראה וואס מיר לערנען פון די וואך'ס פרשה: די בעסטע וועג צו העלפן א מענטש איז אים צו לערנען ווי אזוי אליין טאן א זאך. דער אויבערשטער האט געזאגט פאר אהרן כהן גדול אז ווען ער צינדט אן די מנורה, זאל ער ווארטן ביז די ליכט וועט ברענען פון זיך אליין. דאס איז א הוראה פאר אייך אין אייער שליחות, די גרעסטע מתנה וואס איר קענט געבן פאר נאך א איד, איז באווייזן זיי ווי אזוי זיי אליין קענען שיינען. דאס איז געווען די שיינקייט פון די מנורה אין בית המקדש, און דורך דעם וואס איר וועט מאכן די אלע אידן ארום אייך פאר נרות להאיר, וועלן מיר זוכה זיין אנצינדן די מנורה אין בית המקדש השלישי!!

-א. וועכטער

# דער חסידישער לוח



דינסטאג ביינאכט, אור לי"ד סיון. עס איז שוין געווען נאך צוועלף אזייגער און דער פריערדיקער רבי האט ערשט געענדיקט מיט יחידות. פארמאטערט, האט ער געוואשן זיינע הענט צו עסן.

פלוצלונג האט מען געהערט ווי איינער קלינגט אויפן טיר. ווען מען האט געעפנט די טיר זיינען אריינגעקומען רוסישע אפיציערס, און זיי האבן געשריען, "מיר זיינען פון די פאליציי! ווער איז שניאורסאהן, און וואו איז ער?"

דער פריערדיקער רבי האט זיי געענטפערט, "איך ווייס ניט וועלכע שניאורסאהן דו זוכסט. אויב דו קומסט אריין אין א שטוב, ווייסטו זיכער וועמען דו זוכסט! זאג וואס דו ווילסט, אבער פארוואס דארף מען אזוי שרייען?"

"איך שריי ניט", האט דער מענטש געענטפערט." אזוי רעדן מיר. עס זעט מיר אויס אז דו ווייסט ניט ווי אזוי מיר ארבייטן!"

"איך ווייס טאקע ניט, און איך וויל ניט וויסן. אדער דו מאכסט א טעות, אדער איינער האט געזאגט ליגנט וועגן מיר. אבער איין זאך קענסטו וויסן וועגן די מענטשן פון אייער ארגאניזאציע, איך האב קיינמאל ניט מורא געהאט און איך וועל קיינמאל ניט מורא האבן פון אייך! איר קענט קוקן וואו איר ווילט אין שטוב!"

די מענטשן האבן קיינמאל ניט געהערט אז איינער זאל אזוי רעדן צו זיי. זיי האבן גלייך פארשטאנען אז דאס רעדט זיך ניט וועגן א נארמאלע געפאנגענע.

זיי האבן געזאגט פארן פריערדיקן רבי'ן אז ער מעג עסן, און זיי וועלן ווייטער דורכקוקן זיין שטוב.

זיי זיינען געגאנגען צו די צימער פון רביצין חי' מוסיא, און שיינא און זיי האבן זיי געפרעגט, "צו וועלכע קרייז באלאנגט איר?"

"מיר באלאנגען צו אונזער טאטע'ס פארטיי, פון פרויען וואס האלטן די אידישע וועג און האבן פיינט נייע וועגן!"

די צוויי טעכטער האבן קלאר באוויזן אז זיי האבן ניט מורא פון די מענטשן. דער פריערדיקער רבי איז געווען זייער צופרידן צו הערן די שטארקייט פון זיינע טעכטער.

נחמנסאן, איז געווען אן אפיציער וואס זיין טאטע איז געווען א חסיד. ער האט געגליכן מאכן שווער פאר אידן. ער איז דער וואס האט געהאט די חוצפה צו רופן דעם רבי'ן ארויס פון שטוב מיט אים אין תפיסה. די טעכטער פון פריערדיק'ן רבי'ן האבן געוויינט, "נעמט אונז, מיר וועלן גיין אנשטאטס אונזער טאטע!" אבער זיי האבן גאר ניט צוגעהערט.

"איין זאך וואס איר מוזט מיר לאזן טאן," האט דער פריערדיקער רבי געזאגט, "איך מוז אנטאן תפילין און האבן כשר'ע עסן."

"זארג זיך ניט," האט נחמנסאן געזאגט, "דו וועסט האבן וואס דו ווילסט. מען וועט דיר נאר פרעגן געוויסע שאלות, און דערנאך מען וועט דיר לאזן אהיים גיין."

אלע האבן פארשטאנען אז דאס איז געווען א ליגנט.

און אזוי האט מען גענומען דעם פריערדיקן רבי'ן אין שפאלערקא. פון דעם נאמען אליין האבן מענטשן געציטערט - שפאלערקא.

ווי מיר ווייסן קינדער איז דער פריערדיקער רבי געווען אין תפיסה צוליב זיין מסירת נפש פאר אידן. מיט גרויסע נסים איז ער ארויסגעקומען צוויי און א האלב וואכן שפעטער - אויף די חג הגאולה פון י"ב-י"ג תמוז.

## ט"ז סיון תרס"ט

דער אינגסטער זון פון ר' לויק און רביצין חנה איז געבוירן געווארן. זיי האבן אים געגעבן א נאמען ישראל ארי' לייב, און פון ווען ער איז געווען א קליין קינד, האט מען געזען זיין אויסערגעוויינליכע קלוגשאפט.




פארטאגס ווערט די פינסטער פון נאכט נאך שטארקער. גלייך פאר עס שיינט די מארגנדיגע זון, ווערט די שלאף נאך טיפער. יעמאלט דארף מען האבן אויסערגעוויינליכע כוחות אז מען זאל ניט איינשלאפן. די ליכט פון משיח קומט אן, די ליכט פון טאג וועט באלד שיינען. יעצט איז די צייט ווען מען מוז זיכער מאכן ניט איינשלאפן!!!

(דער פריערדיקער רבי)

# דערציילט מיר א מעשה

א בעלזער חסיד האט דערציילט: "איך בין געקומען אין אמעריקא נאך די צווייטע וועלט מלחמה. איך האב חתונה געהאט און איך האב געהאט קינדער. איך האב געעפענט א ביזנעס, און ב"ה מיין לעבן איז געגאנגען זייער גוט. ביז איין טאג האט מיין טאכטער באקומען א שווערע מחלה אין איר אויג. די דאקטוירים האבן זייער מורא געהאט, "מסתמא וועט זי ניט קענען זען," האבן זיי געזאגט.

איך האב ניט געוואוסט וואס צו טאן. אין מיין אלטע היים האב איך געוואוסט צו וועמען זיך דרייען אבער דא אין אמעריקא...

פלוצלונג האב איך געהערט דעם קלינג פון די טעלעפאן. 'האלא. דא רעדט הרב גראנער פון די אפיס פון דער ליובאוויטשער רבי. דער רבי האט מיר געזאגט אז דו האסט א פראבלעם. ער האט מיר געזאגט אז איך זאל דיר איינלאדן קומען דא אויף הילף.'

איך בין געווען אזוי צוטרייסלט. ווי אזוי האט דער ליובאוויטשער רבי געוואוסט וועגן מיר? - איך האב ניט יעמאלט געוואוסט אז א רבי איז א נשמה כללית און פונקט ווי א קאפ, פילט ער די צער פון אלע חלקים פון גוף -

איך האב גלייך גענומען מיין טאכטער און מיר זיינען צוזאמען געפארן צו 770. הרב גראנער האט געמאכט פאר אונז א צייט אויף יחידות.

דער רבי האט געליינט מיין צעטל. 'עס איז גוט צו זען אז דו האסט אמונת צדיקים' האט ער מיר געזאגט, 'אבער דו מוזט שטארקן דיין אמונה אין אויבערשטן און זיך צוריקקערן צו טאן זיינע מצוות. דורך דעם וועט דיין טאכטער האבן איר רפואה.'

איך בין נאכאמאל אינגאנצן צוטרייסלט געווארן. ווי אזוי האט דער רבי געוואוסט? איך האב אויסגעזען ווי א נארמאלע חסיד און איך האב טאקע געהאט אמונה אין צדיקים, אבער דער רבי האט געזען נאך טיפער און האט געוואוסט אז איך האב באמת ניט אזוי געגלויבט אין דעם אויבערשטן ר"ל און איך האב ניט געהיט אלע מצוות.

איך האב גלייך געמאכט א החלטה זיך בייטן.

איך האב זיך צוריקגעקערט ווי אן אמתער בעל תשובה און באלד נאכדעם איז מיין טאכטער אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן!"




עס שטייט אין פרקי אבות פרק ה, משנה ח, **"אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך"** ... אויב דו האסט געלערנט אסאך תורה, זאלסט ניט האלטן דאס אלס א גרויסע זאך וואס דו האסט געטאן - זאלסט זיך ניט גרויס האלטן צוליב דעם .

מען קען דאס אויך טייטשן, אז נאכדעם וואס א מענטש האט געלערנט אסאך תורה, ווארנט אונז די משנה, אז ער זאל ניט "תחזיק" - האלטן די "טובה לעצמך"-פאר זיך אליין, נאר ער זאל דאס געבן און משפיע זיין צו אנדערע. ווי דער רבי האט אונז אלעמאל געלערנט, "אויב דו ווייסט "א" זאלסטו לערנען "א" מיט נאך אימיצן." קינדער דאס איז אייער הייליקע פליכט: צו נעמען די זיסקייט פון אידישקייט און פארשפרייטן דאס צו אלע אידן ארום!



לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת בהעלתך

Kids! Fill out the answers to the puzzle below, and fax it to the Shluchim Office at (718) 221- 0985 or e-mail it to connections@shluchim.org by Wednesday

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ב | ה | ע | ל | ת | ד | א | ר | ק | מ |
| ג | ד | ש | פ | ק | ס | ן | ו | ט | ש |
| מ | י | א | ה | ר | ן | ע | ב | כ | ה |
| נ | ס | ה | ז | ב | ף | ד | נ | ל | ח |
| ו | ה | ל | ב | ן | ל | ו | י | ס | ח |
| ר | ץ | מ | ת | פ | צ | מ | י | נ | צ |
| ה | ט | ו | א | ס | ר | ר | ש | ק | ו |
| ד | ש | ע | פ | ח | ס | ן | ר | ו | צ |
| ך | ל | ד | ח | י | ע | כ | א | ג | ר |
| מ | ש | כ | ן | ה | ב | ס | ל | ז | ת |

בהעלתך　　אהרן　　לוים　　בני ישראל　　משכן

משה　　מנורה　　אהל מועד　　קרבן פסח　　חצוצרת

## הצלחה רבה

נאמען:________________________　　ווי אלט:_____

אדרעס:________________________________________________

אימייל:____________________